# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Ṿinṭer

**Brenner, Yôsēf Ḥayyîm**
**ברנר, יוסף חיים**

**Ṿarshe, 1936**

גל.


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203**

Visual Library

## לג.

נאָך אַ סך בלעטער זענען פאַרבליבן אין מיין העפט, און נישטאָ מיט וואָס זיי אויסצופילן. אויב איך וועל נאָך שרייבן, וועט עס דאָך בלויז זיין אַן איבערחזרונג און סוף-כל-סוף וועל איך אַלץ נישט דערזאָגן...

„דערזאָגן אַלץ" — איין קלייניקייט!

אין איינעם פון מיינע בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צו דאַווידאָווסקין, בעת איך האָב געוואוינט אין N. צום צווייטן מאָל, האָב איך גערעדט וועגן דעם צווייטן טייל פון מיין לעבנס-דערציילונג. איצטער וועל איך גאָרנישט שרייבן.

איין ספּעציעלע אייגנאַרטיקייט פאַרמאָגט די ווינטער-דראַמע: זי פאַרענדיקט זיך מיט — „פאַרזעצונג קומט"...

פאָרזעצונג, פאָרזעצונג און נאָר פאַרזעצונג...

א סוף, וועט מן הסתם זיין, זיכער זיין. אַ סוף,, וואָס איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון מיין ווילן. נאָך פינף. נאָך צען, צוואַנציק יאָר — און איך וועל זיין, ווי כ'וואָ"ט גאָר קיינמאָל נישט געווען. אָבער צוליב וואָס וועל איך לעבן אָט די אַלע יאָרן? מיט וואָס וועל איך אויספילן אָט דידאָזיקע יאָרן?

אָבער ניין. אינגיכן וועט קומען דער סוף. אַ סוף פון אַן איינצלנעם, אַ פאַריינזאַמטן — אפילו קיין זכר וועט נאָך מיר נישט בלייבן.

---

איין שטימונג באַהערשט מיך מיט אַ משונהדיקער געשווינדקייט די לעצטע צייטן. איך זיץ א שעה אדער צוויי רואיק. סתם-טראַכטעניש ברעקלעך זיך אין מיר. וועגן דעם

און וועגן יענעם, אָדער מיין מוח איז פוסט, אינגאנצן אָן
אַרבעט — ער רוט. דער דרויסן — אַ ווינטערדיקע וועלט, די
שטוב — אַ פינצטערע גרוב... און פלוצלינג זאג איך צו מיר
אליין: אָט בין איך בארויקט. מיין לאַגע רופט נישט אַרויס
ביי מיר קיין שום ווייטיק. איך רו... און די שפיזן פון דעמ-
דאָזיקן געדאַנק-שלאַנג הויבן אָן אויפגיין און רייסן זיך און
צעשפּאַלטן כיר מיינע געהירן... איך פארמאך די אויגן און
שאָקל מיטן קאָפּ: וואס וויל איך, דער אַכזר, האבן פון מיר?
וואס וויל איך?..

און עפּעס אַזאַך פּאַלט מיר אַוועק פון די אויגן און
צעשפרייט זיך, און אַלץ אַנטפּלעקט זיך. די גאַנצע וועלט אין
אלע אירע בילדער שטייט פאר מיר אַ נאַקעטע... און אַלע
פאַרקערפּערונגען, אלע תּנועות, אַלע אויסגעשרייען, אַלע ביל-
דער, אַלע שטריכען — אַלץ האט איין קאליר, דער פאָרהאַנג
איז אויפגעהויבן... און גכן, צוליב וואָס? צוליב וואס? צוליב
וואס טראַכטן און זיך פייניקן אומזיסט?

יא, איך טאָגל בלויז ווערטער, וועלכע איך האָב שוין
געזאגט...

אבער וואס גייען מיך אָן נייע זאַכן? איך שרייב דאָך
בלויז דערפאַר, ווייל ס'איז מיר אוממעגלעך נישט צו שרייבן
דאס פארעלטערטע געשריי, ווייל איך וועל קיינמאל נישט אויפ-
הערן צו שרייען אויפן אלטן ווייטיק... יא, קיינמאל נישט...
ביז דער לעצטער מינוט מיינער...

טא לאמיך שרייען! לאמיך שרייען אַ גרויס און ביטער
געשריי.

---

ווינטער... אַן איי ביקער אייז באַדעקט מיינע האַרץ-געוועבן.
אַ טעמפּער לאַנגווייל, פון וועלכן עס פאַרוועלקט יעדע גלוס-
טונג און פון וועלכנס אָטעם עס שטאַרבט אָפּ יעדעס געפיל
באַהערשט מיין גאַנצע אינעווייניקייט איך ווער אומבאַוועגלעך׳
איך ווער מיר אַליין אַ שווערע לאַסט. בלויז דורך מיין מוח׳

זייען זיך דורך די בילדער פון מיין נאָז, פון מיין שטימע, פון מיין באָרד, מיין געלעכטער, מיין זיפץ — און איך קריג פיינט אלץ אין מיר, איך עקל מיך פון אלץ, איך בין באליידיקט און שעם זיך פאַר אלץ, אלץ וואָס איך פארמאָג זעט אויס מיאוס, פאַלש, לעכערלעך און עקלהאַפט, מיין גאַנץ וועזן רופט ביי מיר ארויס אַ געפיל פון שולדיקייט און אַן איינדרוק פון מיאוסן-זיך. איך געפין מיר קיין אָרט נישט.

---

יאָ, ווינטער.. ווינטער אין שטוב, ווינטער אין דרויסן, ווינטער אינעווייניק, אין הארץ, אין דער נשמה...

אוי, ווינטער!

אוי, א ווינטער אָן אַ פרילינג, אָן אַ זומער פאַר אים — אַן אייביקער ווינטער! און אין דעמדאָזיקן ווינטער בין איך אַ לעזער אין אַ פארוואָרפן דאָרף...

ווער ס׳איז נישט פעאיק צו זיין אַ טאטע צו קינדער — צו דען קען ער פאַר זיי זיין אַ גייסטיקער פאָטער? אָבער עסן דאַרף איך. איך בין הונגעריק ווי אַ הונט, און איך האָב קיין אָרט נישט דעם קאָפּ אוועקצולייגן...

איך האָב גארנישט,

און אזוי וועל איך שטארבן.

„דער טויט איז.. — פילאָזאָפירן די חכמים פון דער וועלט — דער טויט איז...״

דער טויט איז טויט; און איך וועל שטארבן.

טאָ בכן, פארוואס-זשע קען איך מיך איצטער נישט באַפרייען פונם לעבן?

דידאָזיקע אומאַנגענעמע זאַך, — דאָס צונישט-ווערן אויף אייביק וועט דאָך, סוף-כל-סוף, קומען...

... דאס גוטס פון דער וועלט, דאס שלעכטס פון דער וועלט, די וועלט, יענע וועלט, דער מענטש איז פריי, דער מענטש איז פארקנעכטעט, פארגעניגן, צער, פרייער אויסוואַל, באוואוסטזיין, גייסט, מאטעריע, אייביקייט, פארגענגלעכקייט,

הונגער, לוקסוס, אַרבעט, פּוילקייט, פילאָזאָפיע, אומוויסנהייט, גלויבן, לייקענונג...

וואָס גייט דאס מיך אַלץ אָן ?

איך ווייס איצט בלויז איין זאַך : ווען איך וואָלט געהאט די מעגלעכקייט צו הארכן די שטימע פון מיין באוואוסטזיין, וואָלט איך דאך נישט געדארפט, איך, ירמיה פייערמאַן, וואָלט נישט געדארפט לעבן אפילו איין שעה. און איך לעב און וועל מארגן אויך לעבן. איך וועל זיך נישט באפרייען. איך פארמאָג נישט דעם שטאַרקן ווילן זיך צו באפרייען. עס פעלט מיר די אינערלעכע פרייהייט...

אין מיין תורה געפינט זיך אַזאַ פסוק : „זע, אָט האָסטו פאר דיר צוויי וועגן : איינעם אַ בעל-כּרחודיקן און דעם צווייטן אַ פרייוויליקן — משוגע-ווערן און זעלבסטמאָרד. טאָ קלייב-זשע אויס דעם טויט !”

און איך, ווי ווייט איך בין פון דעמדאָזיקן שריט !

אוי, גרויזאמער שטן, וואס שפּילט מיט מיר !

אָבער וואס פאר א שטן ?.. אַן אָפּגרונט ?.. ניין, אויך דאָס נישט. איך וועל איבערלאָזן דאָס וואָרט פאר די העלדן. קיין שטן איז דאָ נישטאָ, קיין אָפּגרונט איז דא נישטאָ, נאָר א זאַך איז דאָ פאַראַן, און דער זאַך איז אויבן פארבונדן. און ערגעץ-וואו אין אים געפינען זיך עטלעכע טראָפּנס האָניק. געציילטע ווערים לעקן דעם האָניק, א סך דערקריגן זיך נישט צו אים, און נישט-ווילנדיק שטויסן זיי זייערע חברים... אָבער דער זאַך איז פארבונדן...

---

איך זיץ איינזאם. נאַכט. אוי, פארוואס שריי איך נישט פון די שטאַרקע ווייטיקן מיינע ?

איך זיץ און שווייג, פונקט אַזוי ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן אין דערזעלבער צייט...

איך זיץ און שווייג, שאַ...

איך שווייג און הער־אויף צו שרייבן, אָט דידאזיקע פאַר־מיאוסטע מלאכה, וואָס איז עס געשען מיט מיר? איך וועל צערשמעטערן די פאַרשאָלטענע פעדער...

---

וואָס איז דאס אַזוינס? דאס וואָרט „פאַרשאָלטענע" האט אַ וואָרף געטאָן אַ נעץ אין מיין מוח אַריין און עס גריבלט...

כי־כי־כי... איך לאַך מיט אַ קליין געלעכטערל, אַ קליין שבקליין, אַן אומהערבאַרן געלעכטער, אַ געלעכטער, וואָס איז ענלעך צו דער שטימע פון אַ משוגענעם הונט, אַ טיפן, אינעווייניקסטן געלעכטער, און איך טרייסל מיך אינגאַנצן אין אַ קדחת־פיבער...

אוי... עפעס אַ מינוט קומט־אָן און דערנענטערט זיך צו מיר, עפעס א שוואַרץ־שוואַרצע מינוט, אַ מינוט, וואס פון אירס גלייכן האב איך קיינמאָל נישט געוואוסט... און איך ציטער פאר דערדאָזיקער מינוט... אוי וואוהין זאל איך אנטלויפן פון איר? וואו זאל איך מיך באהאלטן?

כי־כי. איך לאַך. מיין קאָפּ ווערט צוגעקוועטשט צו די זייטן פונם זאַק און ער ווערט צעשמעטערט. מיין האַרץ! אוי, ווער שניידט עס אזוי מיין הארץ? פאַרוואָס האָט מען נישט אנגעשאַרפט דאס מעסער? ווער טרינקט עס מיין מאַרך?..

מיינע אויגן ברייטערן זיך אויס און ברייטערן זיך אויס. די ווענט פארשווינדן, פארשווינדן, פארשווינדן.

---